# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................4:41
מוצאי שב"ק....................6:10

**שיעורים כסדרן**

נ"ך...........................זכריה ב'-ג'
בבלי.........................חולין נ"ג
ירושלמי...................כלאים כ"ט
תוספתא........טהרות פרק י"א
רמב"ם.........מעשי הקרבנות ו'


פרשת בשלח, שבת שירה, י"ג שבט, שנת תשע"ט לפ"ק

שנה 8, גליון 19 (379)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעָם אַל תִּירָאוּ הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה' אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה לָכֶם "הַיּוֹם"**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן: "שְׁטֵייטְס אוּן זֶעטְס דִי יְשׁוּעָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּהן מִיט אֶענְק "הַיינְט".

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ער"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **"הַיּוֹם" אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט קוּקְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: **"אַל תִּירָאוּ הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה'"**, אוֹיבּ ווִילְט אִיר זֶען דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה לָכֶם "הַיּוֹם"**, זָאלְט אִיר קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן **"הַיינְטִיגְן טָאג"**, דַאן וֶועט אִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

אַ אִיד דַארְף ווִיסְן אַז עֶר הָאט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט אִיבֶּער וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן. אוּן אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אוֹיף אֵיין טָאג קֶען מֶען אַלֶעם פַארְנֶעמֶען, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח ב)

***

**וַיָּבֹאוּ מָרָתָה וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה כִּי מָרִים הֵם**, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט מָרָה אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקְן דִי וַואסֶער, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַ הָאלְץ, עֶר זָאל עֶס אַרַיינְוַוארְפְן אִין וַואסֶער, אוּן עֶס אִיז זִיס גֶעוָוארְן.

מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט דָאס אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) **וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם [חֲקוּקָה] עַל עַצְמוֹתָם.** אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ בִּיטֶערְנִישׁ, עֶר וֶוערְט אַ טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אַ צַדִּיק, אוּן דַאן גֵייט אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה כִּי מָרִים "הֵם"**, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקְן דִי וַואסֶער וַוייל "זֵיי" זֶענֶען גֶעוֶוען בִּיטֶער, וָואס דָאס קוּמְט פוּן עֲבֵירוֹת. **וַיּוֹרֵהוּ ה' עֵץ וַיַּשְׁלֵךְ אֶל הַמַּיִם**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן דֶעם "עֵץ" וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִּיק (עי' תִּיקּוּנֵי זֹהַר כא.), מֶען זָאל גֵיין צוּם צַדִּיק. אוּן דַאן, **וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם**, וֶועט אַלֶעם וֶוערְן זִיס, עֶס וֶועט אַוֶועקְגֵיין דִי גַאנְצֶע בִּיטֶערְנִישׁ.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח ד)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט ~

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כ', י"ט) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהֲרָא"ש אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

### זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶס וֶוערְט ווִינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע ווִינְטְן, הָאגְל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, דֶער בּוֹים וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען זוּמֶער אוּן דִי זוּן וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ דִי הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי


<<<<<<


## א גוט ווארט

דָאס וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי מְבוּלְבָּל וְכוּ' אִיז וַוייל דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת יד, ג): "**נְבֻכִים הֵם בָּאָרֶץ**" - מֶען אִיז פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט, וַוייל "**סָגַר עֲלֵיהֶם הַמִּדְבָּר**" - דֶער 'מִדַבֵּר', דֶער מוֹיל, אִיז פַארְמַאכְט; דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דוּ בְּלָאנְדְזְשֶׁעסְט. הֵייבּ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דִיר גוּט וֶוערְן.

לָאז דִיר אָפּ פוּן מֶענְטְשְׁן, דוּ וֶועסְט נָאר וֶוערְן אַנְטוֹישְׁט אוּן דֶערְבִּיטֶערְט. דֶער נָבִיא זָאגְט (יִרְמְיָהוּ יז, ה): "אָרוּר הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם, וְשָׂם בָּשָׂר זְרֹעוֹ", פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין דֶער וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, "וּמִן ה' יָסוּר לִבּוֹ", אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶערְט עֶר זִיךְ אָפּ. "וְהָיָה כְּעַרְעָר בָּעֲרָבָה", עֶר וֶועט זַיין צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַן אֵיינְצֶעלְנֶעם בּוֹים אִין מִדְבָּר, "וְלֹא יִרְאֶה כִּי יָבוֹא טוֹב", אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט זֶען דָאס גוּטְס. וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, מֶען טְרֶעפְט זִיךְ נָאכְדֶעם אֵיינֶער אַלֵיינְס. **"בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה'", וואויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ", וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פּ' בְּשַׁלַּח תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## ס'אִיז שׁוֹבָבִי"ם, וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארֶעכְטְן?




***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶער עָבַר, אִיךְ בִּין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אֲפִילוּ אוֹיף אִסוּרֵי כְּרִיתוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן ב"ה אַז מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן אַסַאךְ הִילְף הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע, אוּן וֶוערְן אַ רֵיינֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַזוֹי וְוי מְ'הַאלְט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, ווִיל אִיךְ וְויסְן אוֹיבּ סְ'אִיז דָא אַ וֶועג פַאר מִיר מְתַקֵּן צוּ זַיין דֶעם שְׁוַוארְצְן עָבַר, אִינְגַאנְצְן אָפְּצוּמֶעקְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע עֲבֵירוֹת. אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר שְׁרַייבְּן, אֲפִילוּ צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי, זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער סֵיי וָואס; אוֹיסֶער צוּ פַאסְטְן וָואס אוֹיף דֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין כֹּחַ. אִיךְ ווִיל אָבֶער וְויסְן אוֹיף זִיכֶער מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אַלֶע זַאכְן, הָאבּ אִיךְ מִיט דֶעם שׁוֹין אַלֶעס פַארְרָאכְטְן, אוּן סְ'אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן מֶער קַיין זֵכֶר פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים פוּן אַמָאל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי אַלֶע בְּרִיוו, וָואס הֶעלְפְן אַזוֹיפִיל טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן.

לֵוִי

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לפ"ק

**לְכָבוֹד לֵוִי נֵרוֹ יָאִיר.**

ווָאוִיל אִיז דִיר אוּן ווָאוִיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה דוּ הָאסְט גוֹרֵם גֶעוֶוען אוֹיבְן אִין הִימְל מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים; אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאגְט (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק לא): "מֵעִיד אֲנִי עָלַי שָׁמַיִם וָאָרֶץ", דִי הִימְל אוּן עֶרְד זֶענֶען מַיינֶע עֵדוּת, "שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹשֵׁב וּמְצַפֶּה לָהֶן לְיִשְׂרָאֵל יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁמְּצַפֶּה הָאָב לִבְנוֹ וְהָאִשָּׁה לְבַעֲלָהּ שֶׁיַּעֲשׂוּ תְּשׁוּבָה", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים אַסַאךְ מֶער וְוי אַ טַאטֶע וַוארְט צוּ זֶען זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַסַאךְ מֶער וְוי אַ פְּרוֹי וַוארְט אוֹיף אִיר מַאן; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע תַּעֲנוּג אוּן נַחַת רוּחַ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וְוי וֶוען אַ אִיד טוּט תְּשׁוּבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

<<<<<<

>>>>>>

עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְטְרִיקְנְט, אָבֶער אוֹיבּ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעט אִים אוֹיס וְוי עֶר הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ גֵיין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, קוּמֶען פְרִישֶׁע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר ווִיל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶער עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט זַיין.

ווָאוִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט אִים צוּם סוֹף זַיין גוּט.

### זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן שְׁפֵּייעֶן אוֹיף זֵיי, שְׁטוֹיסְן אוֹיף זֵיי, מֶען וַוארְפְט אוֹיף זֵיי שְׁמוּץ, מֶען גִיסְט זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, אָבֶער דֶער בּוֹים דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס, טוּט עֶר נָאךְ צוּרִיק גוּטְס, עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְּרוּכְט מִיט וָואס יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר וַוייטֶער טוּן טוֹבוֹת אוּן גוּטְס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען זֶעט אַז אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם נִסָיוֹן, מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפּ גֶעקוּקְט, אָבֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער צוּרִיק גֶעגֶעבְּן נָאר גוּטְס, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט סְפָרִים מִיט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

### זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּן וְוי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען נָאר פוּן אוֹיבְן אוֹיף, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דַאן אִיז דֶער בּוֹים זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע וִוינְט וֶועט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וְוי גוּט אוּן גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, אוּן עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, וַוייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט אָבֶער זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

### נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ טֶבַע אִין אַ בּוֹים אַז יֶעדֶע בּוֹים צִיט זִיךְ אַלֵיין זַיין לֶעבְּן פוּן דֶער עֶרְד אוּן קַיין אֵיין בּוֹים צִיט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן בּוֹים, פוּן יֶעדֶע בּוֹים וַואקְסְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מִינֵי פְּרוּכְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קַיין אֵיין בּוֹים מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְן, נָאר עֶר זָאל צִיעֶן זַיין לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סֵיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, סֵיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן אִים, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גוּט.

וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, וַוייל עֶר זֶעט דָאךְ אַז יֶענֶער קֶען בֶּעסֶער. אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן מִיטְן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען יָא טוּן.

אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶענֶעם, וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט, וַוייל עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם, וַוייל עֶר אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן יֶענֶעם, אוּן מֶען דַארְף מַאכְן מֶער אַ עֵסֶק פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים עֶס נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

דֶערְפַאר אִיז דִי עֵצָה, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר קֶען יָא.

ווָאוִיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעדֶענְקְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי וְוי דֶער בּוֹים, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם בּוֹים וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן וְוי אַ שְׁטַארְקֶע שֵׁיינֶע בּוֹים, אוּן אַרוֹיס גֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע פְּרוּכְט פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן, ווָאוִיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס ט"ו בִּשְׁבַט)

> **דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן; אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, נָאר וַוייטֶער טוּן טוֹבוֹת אוּן גוּטְס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.**

# אוֹיסְצוּגְן פוּן דִי צַוָואָה פוּן כ״ק מָרָן מוֹהֲרָא״שׁ זי״ע

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אֵייעֶרְס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר אַ וֶועלְט וָואס גֶעהֶער נִישְׁט צוּ אַייךְ. אִיר דַארְפְט אַייךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. **וָואס אִיר דַארְפְט הָאבְּן זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע שְׁפְּרַאךְ אִיר זֶענְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן.**

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט קְלָאר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אֱמוּנָה אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אִידִישְׁקֵייט, אֱמוּנָה קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אִין זַיין מֹחַ אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה אוּן גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען קֶען הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעשְׁמַאק אוּן הֲנָאָה פוּן גַן עֵדֶן. אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין נָאר וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חַבֵר אוּן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן.

---

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. **קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.** דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ'עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶּער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

---

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע לֶערְנֶען מַיינֶע סְפָרִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאלְט אַייךְ גוּט אִיבֶּער קְלֶערְן וָואס עֶס גֵייט פָאר אוֹיף דִי וֶועלְט. וֶוען מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין אִין דָאס לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְּן לוֹיפְט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל, **דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַן אוֹיגְן בְּלִיק, וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיעֶט דוּרְךְ. אָט אִיז מֶען דָא אוּן אָט גֵייט מֶען שׁוֹין צוּרִיק אִין דֶער עֶרְד.**

אוּן דַאן, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, **בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּכַאפְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט.** דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳) ״אֵין מְלַוִין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְזָהָב, וְלֹא אֲבָנִים טוֹבִים וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד״ - עֶס בַּאגְלֵייט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט קַיין גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, אוּן נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע דִיאמַאנְט שְׁטֵיינֶער, נָאר תּוֹרָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר גֶעדֶענְקֶען דִי טֵייעֶרֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, וָואס דָאס אִיז דֶער ״סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד״, וָואס דוּרְךְ דִי גְרִינְגֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין אַדוּרְךְ צוּ גֵיין אוּן דוּרְךְ שְׁפַּאצִירְן מַמָּשׁ אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְּמָרָא, אִין בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא, דֶעם גַאנְצְן רַמְבַּ״ם, טוּר אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע סָארְט מִדְרָשִׁים, דִי גְרוֹיסֶע מִדְרָשִׁים אוּן דִי קְלֶענֶערֶע, סַפְרָא, סִפְרִי אוּן מְכִילְתָּא, אַלֶע סִפְרֵי הַזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן תִּקּוּנֵי זוֹהַר, אַלֶע כִּתְבֵי אֲרִיזַ״ל, אַלֶע חַסִידִישֶׁע סְפָרִים פוּן דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, אַלֶע סִפְרֵי מוּסָר, אַלֶע סִפְרֵי פּוֹסְקִים, אַלֶע הֲלָכָה סְפָרִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ לֶערְנֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר דָאס וֶועט אִיר מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דָאס אִיז אֵייעֶר עַשִׁירוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.** אוֹיבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעמָאסְטְן לוֹיט וִויפִיל תּוֹרָה עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, לוֹיט וִויפִיל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְלַייסְט צוּ לֶערְנֶען אוּן עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

---

אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְּקוּת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

אוֹיךְ וֶועט מֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי מַיין קֶבֶר אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועל אִיךְ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אָן קַיין הֶפְסֵק, זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם.

>>>>>>

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אָפְּצוּמֶעקְן דַיינֶע זִינְד, חוּץ אֵיין זַאךְ הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ - צוּ פַאסְטְן; זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תצא) : ״וֶוער עֶס וֵוייסְט פוּן מִיר - וָואס דַארְף עֶר פַאסְטְן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן מִיר - וָואס הֶעלְפְט אִים פַאסְטְן״; אַז מֶען וֵוייסְט פוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת צוּ מְתַקֵן זַיין דִי פְּגָמִים, נָאר מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן מִיט דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, עֶר וָואלְט נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הִתְבּוֹדְדוּת; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן. זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעטוּן אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דָאס אַלֶעס אָפְּמֶעקְן - וֶועט אַלֶעס וֶוערְן אָפְּגֶעמֶעקְט.

אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּער כַאפְּן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן; דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רכה) : וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - ט״ז, ל״ב, מ״א, מ״ב, נ״ט, ע״ז, צ׳, ק״ה, קל״ז, ק״נ], אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, ״וֶועל אִיךְ מִיר לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט, אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית״; דֶערְפַאר אַז דוּ ווִילְסְט פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן קַיין אוּמַאן, וואוּ דוּ זָאלְסְט זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין. דָאס וֶועט אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע פְלֶעקְן אוּן דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל זָאגְט (טַעֲמֵי הַמִּצְוֹות, פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, עָמוּד צב) אַז מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא; דָאס וֶועט אָפְּמֶעקְן פוּן דִיר אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח) : ״כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער: ״אַז אִיר נֶעמְט אָן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועל אִיךְ נִישְׁט רֶעכֶענֶען אַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ וֶועל קוּקְן אוֹיף אַייךְ כְּאִילוּ אִיר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט פַאר מִיר״.

**אַז דוּ וֶועסְט דָאס אַלֶעס מְקַיֵּים זַיין קֶענְסְטוּ זַיין זִיכֶער מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז דוּ הָאסְט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן.**

**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**




BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
# פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (יט)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זַיינֶע מִדּוֹת אוּן תַּאֲווֹת, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה.**

קח

אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶענוּצְט זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט פִילֶע עֲבוֹדוֹת אוּן סִיגוּפִים, מִיט פִיל טִירְחָא אוּן פְּלָאג, עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, זִיךְ גֶעפְּלַייסְט צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ אַרוֹיסְגֵיין אִין דִי פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער צוּ רֶעדְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַסַאךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּצְט דָאס גֶעלְט וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אוֹיף נַדַן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט פוּן וואוּ זִיךְ מְפַרְנֵס צוּ זַיין.

אֵיינְמָאל הָאט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט וָואס אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס עֶסְן, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָּחוֹן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אִין פֶעלְד ווִי גֶעוֶוענְלִיךְ, אוּן דָארְט אִין פֶעלְד הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ פַּאטְשֵׁיילֶע אָנְגֶעפִילְט מִיט בָּאנְדְלֶעךְ, אוּן עֶר הָאט דָאס אַהֵיימְגֶענוּמֶען אָפְּצוּקָאכְן.

מְ'הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים גָאר חָשׁוּב, וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים טַאקֶע גֶעהָאלְפְן.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז עֶר וֵוייסְט וָואס מֵיינְט אַ רִיכְטִיגֶער בִּטָּחוֹן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר וָואלְט גֶעזֶעסְן טַאקֶע אַלֵיין אִין פֶעלְד, וָואלְט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶער בִּטָּחוֹן, אוּן אוֹיךְ דָארְט וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים צוּגֶעשִׁיקְט צוּ עֶסְן, אוּן אַלֶע זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן.

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק" - פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

## בית המדרש היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר ווילן לאדענען אלע אנשי שלומינו צו די סעודת הילולא צו די

## יומא דהילולא קדישא פון
## כבוד קדושת מרן מוהרא"ש זצוק"ל

וואס וועט פארקומען דעם קומענדיגן

**דינסטאג נאכט פרשת יתרו, אור ליום י"ז שבט הבעל"ט**

**בבית מדרשינו 27 Skillman St.**

**בשעה 7:30**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זיך שטארקן אינאיינעם צו גיין ווייטער אין די הייליגע וועגן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט אלע יארן

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו**

# נייעס אינערהאלב
# מוסדותינו הק'

## יומא דהילולא קדישא

### יומא דהילולא קדישא פון מוהרא"ש זי"ע

דעם קומענדיגן מיטוואך, י"ז שבט, פאלט אויס די פערטע יומא דהילולא קדישא פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע. עס דערקענט זיך גאר שטארק די התעוררות און התרגשות ביי אנשי שלומינו בפרט, און ביי אידן איבער די וועלט בכלל, צו דעם געהויבענעם טאג.

די צענטראלע סעודת הילולא וועט פארקומען דעם קומענדיגן דינסטאג נאכט פרשת יתרו, אור ליום י"ז שבט, בבית מדרשינו אין וויליאמסבורג אויף 27 סקילמאן סט. דער ראש ישיבה שליט"א וועט רעדן איבער וואס עס איז אונזער פליכט זיך צו שטארקן אין דעם גרויסן טאג.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז ביי די יומא דהילולא פון א צדיק, דעמאלט קומט ארויס און מען זעט וואס דער צדיק האט איבערגעלאזט פאר די וועלט, די לימודים און עצות וואס ער האט אויסגעלערנט וואס זענען ווייטער חי וקים און זענען ווייטער מחזק און מעורר אידישע קינדער און דערנענטערט זיי צום אייבערשטן.

מיר ווייסן דאך זייער גוט וואס מוהרא"ש האט געטון פאר אונז אלע זיינע יארן, ווי אזוי ער האט אונז געשטארקט אין יעדן מצב און אונז מחזק געווען צו דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין. און דעריבער איז דער טאג אזוי גרויס, ווען מען נעמט זיך צוזאם און מען חזר'ט איבער זיינע ווערטער, און מען איז ווייטער ממשיך צו גיין אין זיינע וועגן.

פילע אנשי שלומינו פארן ארויס קיין ארץ ישראל, זיך צו משתטח צו זיין אויפ'ן ציון הקדוש אין יבניאל אינ'ם טאג פון די יארצייט, אנדערע אידן וועלן זיך צוזאמנעמען בכל מקומות מושבותיהם און איבער'חזר'ן דאס וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט אלע יארן, און די פילע ספרים וואס ער האט אונז איבערגעלאזט בירושה.

אנשי שלומינו וועלן אויך אויסנוצן דעם געהויבענעם טאג זיך אנצושטרענגען אויסצופירן דאס וואס מוהרא"ש האט געטון זיין גאנץ לעבן, צו דרוקן דעם רבינ'ס ספרים און עס פארשפרייטן איבער די וועלט, און אזוי ארייננברענגען די הייליגע לימודים פון רבי'ן איבער די גאנצע וועלט. מ'וועט זיך משתתף זיין מיט שיינע סכומים ארויסצוהעלפן דעם בית הדפוס וואו מ'דרוקט די ספרים און קונטרסים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן ווייטער ממשיך זיין זיך צו האלטן בדיבוק חברים און פאלגן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

**הוא ימליץ טוב בעדינו!**

***

### מסיבת "בית לשמו" געווען א סוקסעס

דעם פארגאנגענעם מוצאי שב"ק איז פארגעקומען אין בארא פארק דער מעמד "בית לשמו", צו שטיצן און ארויסהעלפן דאס בויען דעם נייעם בית המדרש היכל הקודש אין אומאן, בראשות הרה"ג מוה"ר יצחק לעזער שליט"א.

פילע אנשי שלומינו זענען זיך צוזאמגעקומען, מען האט געהערט דרשות איבער די גרויסקייט פון דעם ענין, און מ'האט זיך אנגעשטרענגט ארויסצוהעלפן מיט שיינע סכומים.

דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פון הרה"ג מוה"ר יצחק לעזער שליט"א וואס האט ארומגערעדט און מחזק געווען אויף תפלה והתבודדות, ווי שטארק דער אייבערשטער קוקט ארויס און ווארט אויף יעדן איד, יעדעס ווָארט וואס א איד רעדט אייבערשטן איז מורא'דיג חשוב און טייער.

**השלם זה הבנין!**

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נעמט אהיים א פושקע פון די הייליגע מוסדות פאר די געוואלדיגע סגולות געהאלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים ביים ליכט צינדען און צו יעדע צייט, דורכ'ן מחזק זיין די הייליגע מוסדות וואס זענען א לייכט טורעם פאר די גאנצע וועלט

**אויסצולייזן א פולע פושקע און צו באקומען א נייע**

**וויליאמסבורג 347-578-5726 - בארא פארק 347-760-5924**

**מאנסי 917-789-3095 - קרית יואל 845-238-0804**

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

## אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידו'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** < 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הגליון נתנדב לזכות מרדכי בן רות, להצלחה בכל העניינים